השלמה משנת תשפ"ג

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת בהר - בחוקותי שנת תשפ"ג לפ"ק – חלק ב׳

### בסעודת ברית מילה של בן הר"ר יואל אשר שווארץ הי"ו

יום א׳ פרשת בהר - בחוקותי תשפ"ג לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (ויקרא כו-ג) אם בחקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אתם. וועט דער באשעפער געבן די אלע ברכות, ונתתי גשמיכם בעתם און אזוי ווייטער. די מפרשים שטעלן זיך, אז אם בחקותי 'תלכו' איז א שווערע לשון, וואס איז דער 'תלכו'. ווען מען איז מקיים די מצות פון די תורה, מען קען אויך זיצן, מען דארף נישט גיין. ווען מען רעדט פון מקיים זיין די מצות פון די תורה, זאגט מען תשמרו, תקיימו, וואס איז טייטש מען וועט גיין אין די חוקת התורה. - דער **בעל הטורים** ברענגט צו, אז די ר"ת פון א'ם ב'חקותי ת'לכו ו'את איז אבו"ת. וואס איז דער רמז דא אם בחקותי תלכו, אבות, און דעמאלטס ונתתי גשמיכם בעתם.

**עס** קען זיין, מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה, וואס ווערט אויך אנגערופן א חק, אזוי ווי מען זאגט וחק בשארו שם. מצות מילה איז די ערשטע מצוה וואס מען האט געגעבן פאר א קינד מקיים צו זיין. און ער איז עס מקיים אן קיין דעת, ער פארשטייט נאך נישט, ער איז קליין, ער ווייסט נישט, ער טוט עס נאר על דעת אביו, דער טאטע טוט אים מכניס זיין בבריתו של אברהם אבינו, דער פאטער מאכט די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. פארוואס האט מען אזוי אויסגעשטעלט, אז די ערשטע מצוה וואס א קינד איז מקיים, טוט ער עס אן א אייגענעם דעת, ער טוט עס נאר, ווייל די עלטערן האבן אים אריינגעפירט אין די מצוה.

**ווייל** אזוי דארף זיין ביי אלע מצות פון די תורה, א יוד דארף שטענדיג נאכגיין אין דרכי אבות. וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן, ווי אזוי זיי האבן מקיים געווען, ווי אזוי מען האט מקבל געווען די מסורה פון א מצוה, אזוי דארף מען עס ווייטער ממשיך זיין. האט מען געלערנט ביי די ערשטע מצוה פון א קינד, דו טוסט עס נישט אויף דיין דעת, דו טוסט עס על דעת אביו, אויף די דעת פון דיין טאטע. דיין טאטע האט אויך זיין טאטע אים מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו אויף זיין דעת, די מצוה גייט צוריק ביז אברהם אבינו, אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. פון אברהם אבינו ביז היינט, האבן אלע דורות מקיים געווען מצות מילה. אברהם אבינו האט מקיים געווען מצות מילה אויפן אייגענעם דעת, ער איז דאך שוין אלט געווען דעמאלטס באלד הונדערט יאר בשעת ער האט זיך גע'מל'ט, אבער די דורות שפעטער פון יצחק, איז אלעס געגאנגען אויפן דעת פונעם טאטע.

**כשם** שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. אזוי ווי ווען ער איז אריין בברית, איז עס נישט געווען מיט א אייגענעם שכל, נאר ער האט נאכגעטון

וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי דארף זיין שפעטער, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. - די מצוה פון מילה האבן מיר מקבל געווען פון די אבות, די ערשטע מצוה וואס מען האט מקבל געווען פון אברהם אבינו, און אויף דעם וועג דארפן גיין אלע מצות פון די תורה. אזוי ווי מצות מילה טוסטו על דעת די עלטערן ביז אברהם אבינו, אזוי טוען מיר אלע מצות על דעת די עלטערן ביז משה רבינו.

**זאגט** די תורה הק', אם בחקותי תלכו, אויב אין אלע ענקערע מצות וואס עטץ זענטס מקיים וועט עטץ גיין אויף דעם זעלבן וועג ווי דער אם 'בחקותי', ווי דער 'חק' פון מצות מילה. און עס איז די ראשי תיבות אבו"ת, וואס דאס האבן מיר מקבל געווען פון אונזערע אבות, און מען איז מקיים די מצוה על דעת פון די אבות. אם בחקותי תלכו, אויב אזוי וועט עטץ גיין אין אלע מצות פון די תורה, ואת מצותי תשמרו, דעמאלטס ונתתי גשמיכם בעתם.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר נתן שפיטץ הי"ו

יום ב' פרשת בהר - בחוקותי תשפ"ג לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (ויקרא כו-ג), אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם. די תורה רעכנט אויס אלע ברכות אויף קיום המצות. רש"י שטעלט זיך, אז מען זאגט ואת מצותי תשמרו, ליגט דאך אין דעם אלע מצות, וואס גיט צו דעם אם בחקותי תלכו, אז מען וועט גיין אין מיינע חוקים. ואת מצותי תשמרו איז דאך אויף די זעלבע, עס איז שוין כולל אלעס.

**מען** ווייסט אז ביי יעדע מצוה זאגט מען לשם יחוד, מען טוט עס לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, און מען ענדיגט בשם כל ישראל, מען טוט עס אין נאמען פון אלע יודען. אין הייליגע ספרים שטייט (עיין איכ"ר א-לג), אז יעדע מצוה האט אין זיך א געוואלדיגע קדושה, וואס מען טוט אויף אויבן אין הימל, תנו עוז לאלקים (תהלים סח-לה). און א מצוה וואס א יוד איז מקיים ברענגט אראפ א שפע אויף די וועלט. אזוי ווי עס שטייט די וואך אין די פרשה, אם בחקותי תלכו, ברענגט עס השפעות טובות. א מצוה איז אבער נאר חשוב ווען עס איז מיטן גאנצן הארץ, עס איז נישט געננג די מעשה המצוה וואס מען טוט, נאר ולעבדו בכל לבבכם (דברים יא-יג), ווען ער טוט א מצוה, דארף ער עס טון פארן אייבערשטען'ס וועגן. אונז ווייס מיר נישט די כוונות פון די מצות, אבער עס איז דא צדיקים וואס ווייסן יא, און מען איז מכוון על דעתם, די וואס ווייסן ווי אזוי מען דארף מקיים זיין א מצוה. אונז טו מיר די מעשים, אבער אונז זעמיר עס מצרף מיט זייער מחשבה. מען טוט די מצוה בשם כל ישראל, אונז וועל מיר טון א חלק, די מעשה המצוה, און במחשבה זענען מיר זיך מצרף מיט די וואס ווייסן די טעמים פון די מצוה.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה (קידושין מ.), איז נישט נאר דער טייטש, אז א מענטש וואס האט א גוטע מחשבה, ווערט עס גערעכנט ווי א מעשה. מצרפה למעשה, ער איז עס מצרף פאר א מעשה. נאר עס איז דא אמאל א יוד וואס קען טון די מעשה המצוה, אבער במחשבה איז ער שוואך דערין, ער קען עס נישט אויספירן ווי עס דארף צו זיין. עס איז דא אמאל א יוד וואס במחשבה דינט ער דעם אייבערשטן זייער גרויס, אבער נישט אלץ קען ער צוקומען צו די מעשה המצוה. דער אייבערשטער נעמט צוזאם ביידע צוזאמען, כלל ישראל איז איין גוף, די מחשבה טובה פון איין יוד, איז דער אייבערשטער מצרף צו די מעשה פון א צווייטע יוד, און צוזאמען ווערט אויסגעשטעלט א מצוה ווי עס דארף צו זיין, במחשבה ובמעשה. - קומט אויס, אז אפילו א יוד איז נישט מקיים די מצוה ווי עס דארף צו זיין, ער איז עס מקיים נאר במעשה, אבער עס פעלט אים די מחשבה, קען ער מצרף זיין די מחשבה פון די צדיקים וואס זיי ווייסן די טעמים פון די מצוה, און צוזאמען ווערט די מצוה א שלימות.

**וואו** געפונט מען אזא זאך, אז מען קען מצרף זיין די מחשבה פון איינעם, צו די מעשה פון א צווייטען.

דאס געפונט מען ביי מצות מילה. דער טאטע מל'ט דאס קינד, דאס קינד איז א קליין קינד, ער האט נאך נישט קיין מחשבה, ער ווייסט נישט אז ער איז מקיים אפילו די מצוה, אבער בפועל ווערט דאס קינד גע'מל'ט. דער טאטע האט די מחשבה, דער טאטע ברענגט אריין זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, און מען מאכט דערויף א ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, אברהם אבינו האט געוואוסט וואס מען דארף צו טון, איך מאך עס אויף די כוונות פון אברהם אבינו. און עס ווערט מצורף די מחשבה פונעם טאטע, מיט די מעשה פונעם קינד, און עס ווערט א שלימות'דיגע מצוה. – און אזוי איז ביי אלע מצות. ווען א מענטש איז מקיים א מצוה במעשה, אפילו עס פעלט די מחשבה, קען ער מצרף זיין די מחשבה פון די צדיקים, צו די מעשה וואס דער מענטש טוט.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן א 'חק', וחק בשארו שם. אם בחקות"י תלכו, אויב ביי יעדע מצוה וועט עטץ גיין אין דעם וועג וואס מען זעהט ביי מילה, וואס ביי מילה זעהט מען דאך, אז מען איז מצרף איין מחשבה צו יענע מעשה, און אזוי ואת מצותי תשמרו, וועט עטץ אפהיטן די מצות, ועשיתם אותם, איז אפילו עס פעלט אמאל אין שלימות פון די מצוה אליין וואס מען האט געטון, פון דעסטוועגן דאך ונתתי גשמיכם בעתם, ווייל ביי מצות מילה זעהט מען, אז מען קען מצרף זיין די מחשבה מיט די מעשה פון צוויי באזונדערע מענטשן. און אז מען וועט אזוי מקיים זיין אלע אנדערע מצות, ואת מצותי תשמרו, איז אפילו עס פעלט פון די מחשבה, עס איז נאר דא די מעשה אליין, ונתתי גשמיכם בעתם, ונתנה הארץ יבולה, ווי די תורה רעכנט אויס אלע ברכות.

## בסעודת ברית מילה של נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## הילד אלימלך ני"ו בן הרה"ג רבי יהושע שליט"א

יום ד' פרשת בהר - בחוקותי תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפונט ביי משה רבינו, אז דאס לעצטע יאר איז ער איבערגעגאנגען די גאנצע תורה מיט יודען. חודש שבט, זיינע לעצטע פערציג טעג, האט ער איבערגעגעבן נאכאמאל די תורה, גאנץ סדר דברים. אין פרשת כי תבוא (דברים כט-ג) האט ער געזאגט, ולא נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה, ער האט אריינגעזאגט פאר יודען, דער אייבערשטער האט ענק נישט געגעבן קיין הארץ צו פארשטיין, און אויגן צו זעהן, און אויערן צו הערן, עד היום הזה ביז דעם היינטיגן טאג.

**אין** די גמרא (עבודה זרה ה:) שטייט, אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה, יעצט האט זיך געענדיגט פערציג יאר פון ווען משה רבינו האט איבערגעגעבן די תורה פאר יודען. עד היום הזה, ביז יעצט האט עטץ נאכנישט פארשטאנען וואס ענקער רבי האט ענק געלערנט, יעצט וועט עטץ פארשטיין. עס איז נאך נישט געווען קיין פערציג יאר, מען האט מקבל געווען די תורה אין סיון, און דאס איז געווען אין שבט-אדר די לעצטערע טעג פון משה רבינו, אבער עד היום הזה מיינט נישט ממש היינטיגן טאג, עד היום הזה מיינט, יעצט אין די תקופה וועט עטץ באקומען דעת צו פארשטיין.

**רש"י** ברענגט צו א צווייטן פשט, שמעתי, אז משה רבינו האט געגעבן די ספר תורה פאר די בני לוי, און יודען זענען געקומען צו משה און זיי האבן געזאגט, משה רבינו, אף אנו עמדנו בסיני וקבלנו את התורה וניתנה לנו, אונז האב מיר אויך מקבל געווען די תורה, ומה אתה משליט את בני שבטך עליה, פארוואס געבסטו די תורה פאר שבט לוי, ויאמרו לנו למחר, לא לכם ניתנה, לנו ניתנה, א שיינעם טאג וועלן זיי זאגן, די תורה האט נישט מיט ענק צו טון, משה רבינו האט איבערגעגעבן די ספר תורה פאר אונז. ושמח משה על הדבר, משה רבינו האט זיך געפריידט אז זיי ווילן האבן די תורה, און ער האט זיי געזאגט (דברים כז-ט), היום הזה נהיית לעם, היינט האב איך פארשטאנען, שאתם דבקים וחפצים במקום. טייטשט רש"י ולא נתן ה' לכם לב לדעת, זיי האבן געבעטן אז זיי ווילן אויך האבן די תורה אזוי ווי

מען האט עס געגעבן פאר שבט לוי. און עס דארף האבן א ביאור, האט דען משה רבינו טאקע געמיינט צו געבן די תורה פאר שבט לוי, און מען וועט זאגן שפעטער אז נאר לוי האט באקומען די תורה, און כלל ישראל האט נישט באקומען די תורה? וואס איז דער פשט אין די ווערטער.

**מען** האט פריער געהערט פון רבי יהושע זאל זיין געזונט, האט ער נאכגעזאגט, אז אין **בעלי תוספות** (פרשת משפטים) שטייט, אז מען קען נישט האבן קיין השגה אין תורה, נאר אז מען האט זיך גע'מל'ט פארדעם. לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), ביז עס איז נישט דא מצות מילה, איז נישט דא קיין השגה אין תורה. און ווי דער רבי (האדמו"ר ממונקאטש שליט"א) האט פריער געזאגט, פארשטייט מען עס נאך בעסער. מילה נעמט אוועק דעם ערלת הלב. ווילאנג עס איז דא ערלת הלב, קען מען נישט פארשטיין קיין תורה, אז מען האט זיך גע'מל'ט, מען האט צוגענומען דעם ערלת הלב, דעמאלטס קען מען אנהייבן צו האבן אן השגה אין תורה. ווילאנג מען איז נישט גע'מל'ט, קען מען טאקע מקיים זיין אלע מצות, אבער קיין השגה אין תורה איז נישט דא.

**איך** האב אינזין געהאט היינט ביים דאווענען, מען זאגט (תהלים קמז-טו) השולח אמרתו ארץ עד מהרה ירוץ דברו. מצות מילה ווערט דאך אנגערופן אמרתו, אזוי זאגט די גמרא (שבת קל.) שש אנכי על אמרתך (תהלים קיט-קסב), אמירה יחידה, זו מצות מילה. השולח אמרתו ארץ, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה, און דורכדעם וואס מען האט די מצוה פון מילה, ווען מען זעצט זיך אראפ לערנען, עד מהרה ירוץ דברו, איז דא די לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע, אז מען זאל קענען שטייגן אין תורה.

**יודען** זענען געווען אין מדבר, די גמרא (יבמות עב.) זאגט, אז אין מדבר האט מען זיך נישט גע'מל'ט. עס איז געווען די ענני הכבוד וואס האבן ארומגענומען יודען אינעם מדבר, ולא נשיב להם רוח צפונית, און עס איז נישט געווען א רוח צפונית, און אז עס איז נישט געווען קיין רוח צפונית, האט מען זיך נישט גע'מל'ט. דאס איז געווען ביי כלל ישראל, אבער שבט לוי, זאגט רש"י (דברים לג-ט), כי שמרו אמרתך ובריתך ינצרו, זיי האבן אפגעהיטן ברית מילה אפילו אין מדבר אויך. עס איז געווען ביי זיי מסירות נפש, כאטש עס איז נישט געווען קיין רפואה, עס איז נישט דא קיין רוח צפונית, האבן זיי געטון וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, און זיי האבן זיך גע'מל'ט. קומט אויס, אז פון גאנץ כלל ישראל, פונעם נייעם דור, איז שבט לוי געווען די איינציגסטע וואס זענען געווען גע'מל'ט, און זיי האבן געהאט די גרעסטע השגה אין תורה, ווייל זיי האבן געהאט אין זיך די קדושה פון מילה, וואס דאס האט אוועקגענומען דעם ערלת הלב, האבן זיי משיג געווען תורה.

**קומט** אויס, אז משה רבינו האט טאקע געגעבן די תורה פאר די בני לוי, ווייל ער האט געוואוסט אז זיי האבן מקבל געווען די גאנצע תורה וואס ער האט מיט זיי געלערנט, ווייל זיי זענען געווען גע'מל'ט. יודען האבן פארשטאנען, אז עס וועט קענען אמאל קומען א צייט וואס מען וועט זאגן, אז די תורה איז טאקע געגעבן פאר שבט לוי, אונז זעמיר נישט געווען גע'מל'ט אינעם מדבר, און אונז האב מיר נישט זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה. האבן זיי געבעטן פון משה רבינו, אז משה רבינו זאל שרייבן צוועלף ספרי תורות, און ער זאל געבן פאר זיי אויך א ספר תורה, אז מען זאל נישט קענען שפעטער זאגן, אז זיי האבן נישט געהאט קיין שייכות צו די תורה, ווייל זיי זענען נישט געווען גע'מל'ט פון פריער.

**יודען** האבן זיך נישט גע'מל'ט, וועגן די ענני הכבוד האבן אוועקגענומען דעם רוח צפונית. מען געפונט אבער, אז ווען אהרן הכהן איז נסתלק געווארן אין חודש אב, שטייט אין פסוק (במדבר כ-כט) אז עמלק איז געקומען מלחמה האלטן, ווייל זיי האבן געזעהן כי מת אהרן, אז אהרן איז געשטארבען. ווי אזוי האבן זיי געזעהן? זיי האבן געזעהן אז די ענני הכבוד איז מער נישט דא אויף יודען, האבן זיי געזעהן אז מת אהרן, זענען זיי געקומען מלחמה האלטן. אז עס איז אוועקגעגאנגען די ענני הכבוד ביי מיתת אהרן, האבן יודען זיך שוין געקענט מל'ן, עס איז שוין דא דער רוח צפונית. איז אפילו די וואס האבן זיך נישט גע'מל'ט ביז יעצט, אבער נאך מיתת אהרן וואס איז געווען חודש אב, איז דאך אוועקגעגאנגען דער ענני הכבוד. [עס איז טאקע צוריקגעקומען שפעטער בזכותו של משה (תענית ט.), אבער עס איז געווען א שטיק צייט שפעטער. מען זעהט דאך, אז מען האט

געקענט קומען מלחמה האלטן, ווייל זיי האבן געזעהן אז עס איז נישט דא קיין ענני הכבוד. דער באשפעער האט געוואלט ווייזן, אז עס איז געווען אין זכות פון אהרן, איז געווען א הפסק, און שפעטער איז עס צוריקגעקומען אין זכות פון משה]. איז דאך די צייט נישט געווען קיין ענני הכבוד, און אין די צייט האבן זיך יודען געקענט מל'ן.

**ולא** נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה. די גאנצע פערציג יאר וואס מען איז געווען אין מדבר, האט מען זיך דאך נישט גע'מל'ט. יעצט ביי מיתת אהרן ווען עס איז אוועקגעגאנגען די ענני הכבוד, האבן זיי זיך געקענט מל'ן, איז שוין געווען צו ווער מען זאל קענען רעדן. יעצט איז שוין דא לב לדעת, ועינים לראות, ואזנים לשמוע. [כאטש עס איז משמע פונעם פסוק, אז מען האט זיך נישט גע'מל'ט אפילו דעמאלטס אויך נישט, ווייל ווען יהושע איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל

שטייט אין פסוק (יהושע ה-ב) מול את בני ישראל שנית. און פארוואס מען האט זיך נישט גע'מל'ט, זעהט אויס, ווייל מען איז געווען אויפן וועג, און רש"י זאגט דאך ביי משה רבינו (שמות ד-כד), אז אונטערוועגנס איז א סכנה אז מען זאל זיך מל'ן. דער גאנצער ציבור האט זיך טאקע נישט גע'מל'ט, אבער על כל פנים עס איז שוין געווען אזעלכע וואס האבן זיך יא גע'מל'ט].

**האט** משה רבינו געזאגט, ולא נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה. די וואס האבן זיך גע'מל'ט פריער איז אוודאי גוט, און אפילו די וואס האבן זיך נאכנישט גע'מל'ט, אבער היום הזה, נאך פערציג יאר, די פערציג יאר איז דאך געווען ערשט אין חודש סיון. עד היום הזה, ביז חודש סיון האבן זיך שוין אלע יודען גע'מל'ט, און דעמאלטס האבן זיי באקומען דעם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע.

## דברי תורה שנאמרו לתלמידי הישיבה קטנה

יום ה' פרשת בהר - בחוקותי תשפ"ג לפ"ק

**אם** בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם (ויקרא כו-ג), אז מען וועט האלטן די תורה, וועלן קומען אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט שפעטער אין די פרשה. רש"י שטעלט זיך, אז עס איז א דאפלטער ענין, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו. אז מען זאגט ואת מצותי תשמרו, אז מען וועט אפהיטן די מצות, איז דאך אלעס נכלל דערין, דאס איז דאך בחוקותי תלכו. פארוואס האט די תורה געשריבן עקסטער אם בחוקותי תלכו. טייטשט רש"י, שתהיו עמלים בתורה. אם בחוקותי תלכו, רעדט מען פון זיך פלאגן אויף תורה. אם בחוקותי תלכו, אויב דו וועסט זיך פלאגן אויף תורה, ואת מצותי תשמרו, און מען וועט אפהיטן די מצות, זאגט די תורה צו, די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט שפעטער אין די פרשה.

**שתהיו** עמלים בתורה, זיך פלאגען אויף תורה, איז א עקסטערע ענין. מען לערנט תורה, נישט נאר כדי מען זאל וויסן וואס מען דארף צו טון. כדי מקיים צו זיין די מצות פון די תורה, דארף מען דאך לערנען. און ווען עס וואלט געקענט אנקומען גרינג, ער זאל קענען אלעס נאכקוקן וואס מען דארף צו טון, וואלט ער פטור געווען פון לערנען. נאר עס איז דא א ענין פון עמל בתורה. זיך פלאגן אויף תורה איז א עקסטערע מצוה פאר זיך, אריינלייגען פלאג. אפילו עס קומט דיר אן גרינג, איז נישט דאס די חשיבות. די חשיבות איז, וויפיל דו האסט זיך געפלאגט אויף א תוספות, וויפיל מען האט זיך מתעמל געווען אין תורה.

**אין עמל התורה איז דא צוויי ענינים. בשעת מען לערנט, איז דער עמל אין תורה, אז מען זאל גוט פארשטיין וואס מען לערנט. נאכדעם איז דא א צווייטע עמילות בתורה, חזרה. איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל. וואס אסאך מאל איז דאס נאך שווערער,** די גמרא (יומא כט.) זאגט, קשה עתיקתא מחדתא. א נייע זאך האט מען א געוויסע חשק צו לערנען, אבער א אלטע זאך, מען דארף נאכאמאל איבערגיין וואס מען האט

געלערנט, כדי מען זאל נישט פארגעסן, איז עס א עמל, עס איז א פלאג. און די ביידע זאכען זענען נכלל אין עמלה של תורה. פלאגן זיך אויף תורה, צו פארשטיין תורה, און פלאגן זיך אויף תורה, איבערצו'חזר'ן וואס מען האט שוין געלערנט. די גמרא (חגיגה ט:) זאגט, אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים, לשונה פרקו מאה פעמים ואחד. ער האלט שוין ביי הונדערט מאל איבער'חזר'ן וואס ער האט געלערנט, זאגט די גמרא אז עס איז נישט דומה, דו זאלסט לערנען הונדערט און איין מאל. און עס איז א געוואלדיגע עמל, ער האט עס שוין געלערנט אזויפיל מאל, און ער קען עס שוין, נאכאמאל איבערגיין און נאכאמאל איבערגיין, עס איז א חלק פון עמל בתורה.

**איך** האב געזעהן צוברענגען (הובא בספר **ככר לאדן** על פרק שירה, מאת הגאון **בעל ברכת הזבח** בספרו **ברכת שמואל**, ונדפס **בסידור החיד"א**), אז אין פרק שירה איז אויסגערעכנט יעדע בעל חי, וואס ער זאגט שירה. עס איז דא א פויגל וואס הייסט צפורת כרמים, און דער צפורת כרמים זאגט א פסוק פאר זיין שירה, שיר המעלות אשא עיני אל ההרים, מאין יבא עזרי (תהלים קכא-א). יעדע בעל חי וואס זאגט א שירה, איז די שירה מיט עפעס צוגעפאסט צו די טבע פון דעם בעל חי. וואס איז די רמז אין צפורת כרמים, אז ער זאגט דעם פסוק.

**ציפורת** כרמים שטייט אין חז"ל (שבת צ:), איז א מין פייגל, וואס אז מען עסט דערפון, טוט עס שטארקן דעם זכרון, אז מען פארגעסט נישט וואס מען לערנט. קומט אויס, אז עס איז דא א וועג אז מען זאל זיך נישט דארפן פלאגן איבערצו'חזר'ן אזויפיל וואס מען לערנט. מען וועט עסן ציפורת כרמים, און מען וועט געדענקן וואס מען לערנט. זאגט דער ציפורת כרמים, אשא עיני אל ההרים, איך הייב אויף מיינע אויגן, אל ההרים, גייט ארויף אויף די לומדי תורה, וואס זיי זענען די הורים. מאין יבא עזרי, מאי"ן באטרעפט הונדערט און איינס. דיין הילף זאל נישט קומען פון עסן ציפורת כרמים, דיין הילף זאל קומען מאי"ן, פון זיך פלאגן אויף תורה, איבערלערנען הונדערט און איין מאל, דאס איז די חשיבות פון עמל התורה.

*

**דער** פסוק זאגט אם בחוקותי תלכו, דו וועסט גיין אין מיינע חוקים. צו זיין א עמל בתורה דארף מען נישט גיין, א עמל בתורה זיצט אויף איין פלאץ און ער לערנט, פארוואס רופט ער עס אן, אם בחוקותי 'תלכו', דו וועסט גיין אין מיינע חוקים. און ער זאגט נישט אם תתמידו בתורה, מען וועט לערנען תורה בהתמדה, נאר אם בחוקותי תלכו.

**איך** האב געזעהן א משל, עס איז געווען אמאל איינער וואס דער דאקטער האט אים געזאגט, אז כדי דער גוף זאל אים זיין געזונט, מוז ער זיך באוועגן, ער דארף מאכן עקסערסיי"ז. האט ער אפגעמאכט ביי זיך, אז יעדן טאג מיטאג וועט ער גיין א האלבע שעה אויף א שפאציר. פון אינמיטן די שטאט וואו ער וואוינט, ביז צום עק שטאט, און צוריק, דאס איז געווען זיין עקסערסיי"ז יעדן טאג. אמאל זעהט אים זיין חבר, ווי ער גייט אזוי אויף די גאס, זאגט ער אים, איך זעה דו גייסט דא ווייטער, איך האב דא א קאר, קענסט אריינקומען אין די קאר, און איך וועל דיך צוטראגען. זאג ער אים, ניין, איך גיי צופוס. זאגט אים דער חבר, פארוואס גייסטו צופוס, איך פאר ממילא אויף דעם וועג. זאגט ער אים, 'איך גיי נישט ווייל איך וויל אנקומען אהין, איך גיי ווייל איך דארף גיין'. איך וועל גארנישט האבן פון דעם וואס איך וועל זיך אריינזעצן אין דיין קאר, און דו וועסט מיך אהינטראגען און צוריקברענגען, פאר דעם קען איך בלייבן אין שטוב אויך. מיין עבודה איז צו גיין, כדי איך זאל זיך פלאגען מיט די וועג וואס איך גיי, איך זאל אהין אנקומען.

**אמאל** איז דא וואס א מענטש לערנט תורה, און זיין גאנצע ציל איז נאר, ער זאל קענען וואס ער האט געלערנט. איך קען דאך נישט קענען נאר אז איך פלאג זיך דערויף, האב איך נישט קיין ברירה. אבער זיין ציל איז נישט דער פלאג, זיין ציל איז נאר דער סוף וואו ער וועט אנקומען שפעטער. אין די היינטיגע וועלט, אז מען זאל קענען אריינלייגען א טשי"פ אין קאפ ער זאל קענען די גאנצע תורה, וואלט ער דאס אויסגעקליבן. ער דארף נישט לערנען, ער וואלט אלעס פארשטאנען.

**די** חשיבות פון תורה, איז דאס פלאגן, שתהיו עמלים בתורה, דאס גיין וואס דו גייסט, וואס דו פלאגסט דיך אויף יעדן טריט און שריט, דאס איז די חשיבות פון תורה. ווען דער פסוק וויל ארויסברענגען, אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים התורה, ברענגט עס דער פסוק ארויס מיט אם בחוקותי 'תלכו'. פונקט ווי ביי גיין, איז דא אמאל וואס א מענטש גייט אויף א

פלאץ, נישט ווייל ער וויל אהין אנקומען, נאר דאס עצם גיין אליין, דאס איז דער ציל, כדי ער זאל פלאגן זיין גוף אויף דעם וועג וואס ער גייט. דאס זעלבע איז, שתהיו עמלים בתורה, דער עמל בתורה זאל אויך זיין אויף דעם וועג. און אויף דעם זאגט די תורה הק', ונתתי גשמיכם בעתם, ונתנה הארץ יבולה, עס איז דא סייעתא דשמיא.

**אז** מען גיט אוועק פלאג אויף תורה, מיינט מען אז מען האט עפעס אוועקגעגעבן פארן באשעפער. יעדע עמל וואס א מענטש פלאגט זיך, נעמט אוועק א אנדערע עמל. אזוי שטייט אין חז"ל (סנהדרין צט.) אדם לעמל יולד (איוב ה-ז), עס איז ממילא באשערט פאר א מענטש אז ער זאל זיך פלאגן. ער קען זיך נאר אויסקלויבן צו דער עמל זאל זיין אין תורה, צו עס זאל זיין עמל מלאכה. דער וואס גייט אין דזשא"ב פלאגט זיך אויך, און דער כולל יונגערמאן פלאגט זיך אויך. דער גיט אריין די עמל אין תורה, און יענער גיט אריין די עמל אין אנדערע זאכען. לא עלינו אז מען איז נישט געזונט, און מען האט אנדערע פראבלעמען, איז אויך א עמל. א מענטש קען זיך אויסקלויבן וועלכע עמל ער וויל. ער מוז אבער האבן א עמל אינעם לעבן. - און דאס איז די חשיבות וואס א יוד גיט אוועק זיין עמל אין תורה, וואס דורך דעם איז מען זוכה צו די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה.

## במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה בבארא פארק

יום א' פרשת במדבר תשפ"ג לפ"ק

**איך** וויל באגריסן די חשוב'ע טייערע עלטערן, די זיידעס, און די חשוב'ע קינדער וואס האבן יעצט אנגעהויבן צו לערנען חומש. דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל קענען זעהן ביי זיי אסאך נחת דקדושה. מען האט פרייער געהערט, אל תגעו במשיחי (תהלים קה-טו) דאס זענען די די תינוקות של בית רבן (שבת קיט:), די חשוב'סטע וואס איז דא אין כלל ישראל, זיי זאלן אויסוואקסן בני מלכים, מלכים אליין.

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו (ויקרא כו-ג), די תורה זאגט, די אלע ברכות וואס דער אייבערשטער וועט אלץ געבן פאר יודען, אויב מען וועט גיין בדרכי התורה. עס שטייט אין **בעל הטורים**, אז די ראשי תיבות פון א'ם ב'חקותי ת'לכו ו'את איז די אותיות אבו"ת, עלטערן. אויף דעם זאגט די תורה, אם בחקותי תלכו, ונתתי גשמיכם בעתם און אזוי ווייטער.

**עס** איז א געוואלדיגע שמחה פאר עלטערן וואס זעהן ווי אזוי די גאלדענע קייט ציהט זיך ווייטער. עס קומט צו נאך א דור, וואס מען איז זיי מגדל צו תורה, זיי זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים. יעדער טאטע און יעדער זיידע שטייט און האפט צו זעהן אי"ה נחת פון דעם קליינעם קינד, וואס מען פלאגט זיך אזויפיל מיט זיי, אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע בני תורה.

**אונז** שטיי מיר דאך די וואכן אין די פרשה פון ספירה, מען ציילט יעדן טאג ספירה. יעדן טאג ציילט מען פון די טעג פון פסח וואס מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, ביז מתן תורה. ספירת העומר איז, אז דעם ערשטען טאג פסח האט מען מקריב געווען דעם עומר, ראשית קצירכם (ויקרא כג-י) איז געווען אין די צייט פון פסח. און פון דעמאלטס ציילט מען יעדן טאג, ביז דעם יום טוב פון שבועות, יום הביכורים. וואס דער רמז דערפון איז, דער אייבערשטער האט געהייסן אז ווען מען האט תבואה, די ראשית קצירכם געב אוועק פארן אייבערשטען. חדש איז אסור, מען טאר נישט עסן פון די נייע תבואה, ביז מען האט נישט קודם אראפגענומען און אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען. מען האט מקריב געווען דעם עומר, הקרבת העומר איז מתיר אז מען קען שפעטער עסן דאס איבריגע.

**דאס** איז א לימוד פאר אונז צו לערנען, אז נישט נאר ביי תבואה דארף א מענטש אוועקגעבן די ראשית

פארן אייבערשטען, נאר וואס א מענטש האט, די ראשית גיט מען אוועק פארן באשעפער! יעדן טאג ווען מען שטייט אויף, טוט מען נישט קיין שום זאך, ביז מען שטעלט זיך דאווענען, איך געב אוועק א שעה פארן אייבערשטען, לערנען, דאווענען און אזוי ווייטער.

**די** חשוב'סטע תבואה וואס א מענטש פארמאגט, זענען די קינדער. און די ראשית, די ערשטע יארן פון די קינדער, דארף זיין לה', דארף מען אוועקגעבן פארן אייבערשטען. ווען מען גיט אוועק די ערשטערע יארן פארן באשעפער, וואקסט אויס דאס קינד ערליך. דאס קינד לערנט אין א תלמוד תורה, אין א ישיבה, ער גייט נישט ארויס אויף די וועלט ביז מען האלט ביים אויפשטעלן א שטוב. ווען מען איז מקדיש די ראשית פון די יארן פארן אייבערשטען, דעמאלטס קען זיך ציען די גאלדענע קייט אויף ווייטער. ווי מען האט פריער געהערט, טוב אחרית דבר מראשיתו (קהלת ז-ח), די אחרית מוז האבן א ראשית. אבער אויב מען גיט נישט אכט אויף די ראשית יארן, עס פעלט די ראשית, איז נישט דא קיין אחרית. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה, אז פון פסח אן ציילן מיר יעדן טאג צו מתן תורה, דו זאלסט זיך אראפלערנען פון וואס דו זעהסט ביים עומר, אז די ראשית דארף מען אוועקגעבן פארן אייבערשטען, און דאס טוט צוברענגען צו מתן תורה.

**ווען** עס קומט די צייט וואס דער אייבערשטער גיט קינדער, וואס יודען האבן געזאגט פארן אייבערשטען ביי מתן תורה, בנינו ערבים. דארף מען אוועק געבן די ראשית פון די קינדער פארן אייבערשטען. אונז צייל מיר יעדן טאג פון די עומר, פונעם ראשית קצירכם, ביז מתן תורה, לערן דיך אראפ, געב אוועק די ראשית פארן באשעפער.

**א** מענטש'נס לעבן איז פארגענגליך. ער קען דינען דעם אייבערשטען ווילאנג ער איז דא. ימי שנותינו בהם שבעים שנה, ואם בגבורות שמונים שנה, און היינט איז נאך לענגער די יארן ב"ה. אבער עס קומט אמאל צו א ענדע. יעדער טאטע, יעדער זיידע, דארף שטרעבן אז עס זאל איבערבלייבן פון אים ערליכע דורות שפעטער. א מלאך ווערט אנגערופן א עומד, ער שטייט אויף איין פלאץ, עס איז נישט שייך ביי אים קיין שינוי, וואס ער זאל זיך טוישן פון וואס ער איז. א יוד איז א הולך, יעדן טאג דארף ער גיין העכער און העכער אין עבודת ה'. אדער איז ער א הולך אויפן גוטן וועג, פארקערט איז אויך א הולך, ער איז א יורד. די עבודה פון א יוד איז, צוצוגעבן יעדן טאג צו תורה ומצוות.

**ב"ה** יודען זענען שומרי תורה, יעדן טאג ווערט א יוד נתעלה. נאך הונדערטער מצות וואס קומען אים צו, יעדן טאג אין זיין לעבן. אבער עס קומט א צייט וואס מען ווערט א עומד, במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). דורך די קינדער וואס א יוד לאזט איבער, בלייבט ער א הולך אויף שטענדיג. אפילו ווען ער איז שוין נישט דא, אויב ער האט איבערגעלאזט ערליכע קינדער, אונזערע זיידעס וואס זענען שוין נישט דא אויף דעם עולם, אבער זיי זענען הולכים, זיי לעבן ווייטער, זיי האבן איבערגעלאזט קינדער און אייניקלעך וואס גייען בדרכי התורה, פון דעם ציהט זיך ווייטער זייער עבודת ה', וואס זיי האבן צוגעברענגט דערצו. ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה (זכריה ג-ז), מען איז שוין אויף יענע וועלט, בין העומדים, צווישן די וואס קענען שוין נישט טון, קען ער זיין מהלכים, ער קען זיין א הולך. אז מען געבט אכט אויף קינדער, מען טוט זיי ערציען ערליך, דאס בלייבט אויף אייביג, בלייבט מען א הולך!

**אם** בחקותי תלכו, עס איז נישט גענוג אז עטץ וועטס טון ענקערע מצות וואס מען איז מחויב, מען דארף צו זיין א הולך אין די מצות. אפילו ווען מען איז שוין נישט דא, קען מען נאך אלץ זיין א הולך. דער רמז איז אבו"ת, ווען די עלטערן געבן אריין אין זייערע קינדער תורה, עבודת ה', און יראת ה', בלייבט מען א הולך אויף שפעטער אויך.

*

**מען** האט פריער געהערט, א גרויס חלק פונעם חינוך נעמט זיך פון די שטוב. אז די שטוב ארבעט נישט מיט צוזאמען מיטן תלמוד תורה, איז עס א שותפות וואס קען זיך נישט האלטן. עס קען נישט זיין איינער ציהט אויף איין זייט, און איינער ציהט אויף די אנדערע זייט. **אז מען וויל מחנך זיין גוטע קינדער, דארף מען וויסן, אז וואס די תלמוד תורה**

**פארלאנגט, נישט אוועקמאכן און נישט זאגן אז עס איז גוט אן דעם אויך. דאס צוברעכט דעם חינוך פונעם קינד!** ווען מען האלט מיט, און מען גייט אלעס מיט, מען איז אלע אויף איין מהלך, דעמאלטס איז דא אן הצלחה אז מען זאל קענען זעהן שפעטער נחת ביי די קינדער.

**עלטערן** **זענען א מוסטער פאר די קינדער. קינדער לערנען זייער אסאך פון די עלטערן. ווי אזוי דער טאטע פירט זיך אויף אין שטוב, ווי אזוי ער רעדט אינדערהיים צו דער מאמע, און ווי אזוי ער הייבט אויף א טעלעפאון און ער רעדט, אלעס זעהט א קינד, און ער האט זיין מיינונג אויף יעדע זאך וואס ער זעהט אין שטוב.** אמאל לערנט ער זיך אראפ, צו גיין אויפן שיינעם וועג, און טאמער נישט איז מען א משפיע אויפן קינד נישט צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**מען** **דארף היינט האבן אזויפיל סייעתא דשמיא, די גאס איז דאך אזוי געזינקען, און די היינטיגע טעכנעלאגיע, די טעכניק, האט דאך איבערגעדרייט די וועלט, איבערגעדרייט די קאפ פון מענטשן. זאכן וואס זענען אמאל געווען פון די חמורות שבחמורות, איז געווארן קלות שבקלות!** מען קומט אזוי גרינג צו, צו אלעם, דאס ביסל שמירה וואס מען זאל קענען אפהיטן אונזערע קינדער נישט קאליע גיין פון די גאס, איז דאך נאר די יראת שמים וואס ער האט אין שטוב. אויב ער זעהט עס נישט אין די שטוב, די שטוב איז אויך א אפענע שטוב אזוי ווי די גאס, וואס קען מען שוין ערווארטן אז דאס קינד זאל קענען אדורכגיין די נסיונות אין דעם לעבן שפעטער.

**עס** זיצן דא ב"ה חשוב'ע זיידעס און באבעס. אסאך מאל די באבעס טראכטן נישט די נסיונות וואס זיי ברענגען אריין פאר די קינדער. זיי זענען דאך שוין אן עלטערער דור, עס איז דאך טאקע באמת אסאך מאל נישט נוגע פאר זיי, וואס איז נוגע פאר קינדער, אבער **מען קומט אריין צו די באבע אין שטוב, און מען זעהט זאכן וואס מען דארף נישט צו זעהן. די באבע וויל זיין א גוטע, און ווייזט פארן קינד דאס מיט יענס, איז עס א פתח פאר א קינד נאכדעם נישט צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.**

**וויפיל מאל באקום איך טעלעפאונס פון קינדער און פון עלטערן וואס רופן אן, צו קען איך לאזן מיין קינד גיין צו די באבע? ביי די באבע איז דא זאכן וואס מיין קינד דארף נישט צו זעהן. וואס זאל מען ענטפערן פאר אזא טאטען? זאגן דו קענסט נישט שיקן דיין קינד צו די באבע?! און וואס פאר א פנים האט שוין די באבע אין די אויגן פון דעם קינד, און פון דעם אייניקל, ווען מען פרעגט שוין אזא שאלה.** מען איז זיך אסאך מאל נישט מתבונן וואס עלטערן קענען אויפטון און דארפן אויפטון ביי קינדער. **ווען מען נעמט אריין א קינד אין שטוב, דארף די שטוב זיין ריין, אז דאס קינד זאל נישט ארויסגיין פון דארט מיט א זאך וואס ער האט נישט געוואוסט פאר דעם, און דא ביי די זיידעס און די באבעס איז ער געוואויר געווארן וואס עס טוט זיך אויף דער גאס.** מען וויל דאך האבן וואוילע קינדער, מען לייגט נאר נישט אסאך מאל צו, משים זיין על הלב. דאס איז דער אם בחקותי תלכו הייבט זיך אן ביי די אבות. עלטערן וואס לייגן אריין אן ערליכע חינוך אין די קינדער, דעמאלטס איז דא צו האפן אז די קינדער וועלן אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין.

**וויל** איך נאר וואונטשן פאר די חשובע עלטערן, זיידעס און באבעס, אסאך נחת דקדושה. אין אזא שווערע וועלט וואס אונז לעב מיר היינט, מען זאל קענען ערציען ב"ה אזעלכע זיסע קינדער, די חן ליגט זיי אויפן פנים פון די קדושת התורה, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, ריין אן קיין שום השפעה פון די גאס, אז זיי זאלן קענען אזוי אויסוואקסן מיט אזא ריינקייט שפעטער. זאל דער באשעפער געבן מען זאל זעהן נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**רבי** מרדכי יונה, איר ווערט יונגער פון יאר צו יאר, עס איז אלץ שענער, תלמידי חכמים כל מה שמזקינים דעתן מתיישבת עליהם (קנים ג-ו), אזויפיל יארן וואס איך זעה דאס שוין צו, מיט די זעלבע פרישקייט, און נאך מער ווי שנים קדמוניות. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אריכת ימים ושנים, קענען ווייטער מחנך זיין נאך דורות לה' ולתורתו. און מיר אלע זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.